תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

ב"ה

# שַׁאֲלוֹת אוּן יְדִיעוֹת

אויף

## פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

נאמען ______________________ נ"י

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (א) הר"ר הערשל גראס הי"ו

# שאלות אויף פרשת וירא

**א. פארוואָס האט אברהם געהייסן פאר די געסט זיך וואשן די פיס ?**

ווייל ער האט געמיינט אז זיי זענען אראבער וואס דינען און ביקן זיך צו די שטויב פון די פיס.

**ב. וויפיל אָקסן האט אברהם גע'שחט'ן פאר די געסט ?**

דריי - כדי צו געבן פאר יעדן אַ צינג.

**ג. פאר וועמען האט אברהם געגעבן צו טיילן די עסן פאר די געסט ? און פארוואס ?**

פאר ישמעאל - כדי איהם צו מחנך זיין אז מען דארף טוהן מצוות.

**ד. וויפיל מלאכים זענען געוועהן ? און פארוואס ?**

דריי - איינער מבשר צו זיין שרה, איינער אויסצוהיילן אברהם, און איינער צו איבערקערן סדום.

**ה. וועלכע מלאך האט מציל געוועען לוט ?**

מלאך רפאל וואס איז געקומען אויסהיילן אברהם.

**ו. וועלכע מלך האט געוואלט אוועק נעמען שרה פאר זיך ?**

אבימלך מלך גְרָר

**ז. ווי אלט איז יצחק געווען ווען אברהם האט איהם געמאכט די ברית ?**

אכט טעג.

**ח. פארוואָס האט שרה נישט געוואלט אז ישמעאל זאל בלייבן אין זייער שטוב ?**

ווייל ער האט געטוהן עבירות און זי האט נישט געוואלט אז יצחק זאל זעהן אזעלכע זאכן ח"ו.

**ט. פארוואָס האט הקב"ה אויסגעהערט אַ תפילה פון אַ רשע ישמעאל ?**

ווייל בשעת ער האט געוויינט האט ער תשובה געטוהן.

**י. וועמען האט אברהם מיט גענומען ווען ער איז געגאנגען צו די עקידה ?**

אליעזר און ישמעאל.

**יא. האט ער זיי מיט גענומען ביז צו די פלאץ פון די עקידה ?**

ניין, ווייט פון דארט האבן זיי געוואַרט.

➢ **סיפרנו עוד הרבה מדרשים על הפרשה ועל העקידה.**

אַ גוט שבת

המלמד

בס"ד


# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (ב) הר"ר מנשה ברוך קליין הי"ו


# שאלות אויף פרשת וירא

**א. מתי נראה השי"ת אל אברהם ? ולמה ?**

ביום שלישי למילתו - לבקרו מפני שהיה חולה.

**ב. מה עשה אז אברהם ? ומדוע ?**

אברהם ישב בפתח אהלו לראות אם יש עובר ושב שיכניסם בביתו

**ג. מדוע היה באותו היום חום גדול ?**

כדי שלא להטריחו באורחים.

**ד. ולמה הביא הקב"ה את המלאכים ?**

לפי שהקב"ה ראהו מצטער שלא יוכל להכניס אורחים לביתו שלח את המלאכים בדמות אנשים.

**ה. מה היה שליחותו של כל אחד משלושת המלאכים ?**

אחד לבשר את שרה, ואחד להפוך את סדום, ואחד לרפאות את אברהם.

**ו. למה אמר אברהם "אל נא תעבור" (לשון יחיד) רק לאחד המלאכים הרי הם היו שלושה ?**

אברהם אמר לגדול שבהם וכיון שלא יעבור הוא יעמדו חבריו עמו.

**ז. איך ידע אברהם מי הוא הגדול שבהם ?**

מכיון שהמנהג הוא שהגדול הולך באמצע לכן הבין שהוא הגדול שבהם.

**ח. איך מוכח שצריך אדם לחנך את בנו במצוות אע"פ שהוא עדיין קטן ?**

מהלשון "ויתן אל הנער" שאברהם נתן לישמעאל לעשות אותו כדי שיהיה לו חלק במצוה.

**ט. כיצד קיבלה שרה הבשורה על הולדת יצחק ?**

בצחוק ובתמיהה כי לא האמינה שבגיל זיקנה כזו יולד לה בן.

בברכת א גוט שבת

המלמד

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

## פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו וַיַּרְא וַיָּרָץ לִקְרָאתָם מִפֶּתַח הָאֹהֶל וַיִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה: וַיֹּאמַר אֲדֹנָי אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל נָא תַעֲבֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ:**

רַשִׁ"י אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וָואס אִיז אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, אַז עֶר זָאל אִים וַוארְטְן אוּן עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין בִּיז וִוילַאנְג עֶר וֶועט גֵיין אוֹיפְנֶעמֶען דִי גֶעסְט. פוּן דֶעם לֶערְנֶען חַזַ"ל אַרוֹיס וִוי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אַז עֶס אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער וִוי צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם אֵייבִּישְׁטֶער אַלֵיין, וֵוייל אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דֶעם אֵייבִּישְׁטֶער אַלֵיינְס אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען מְקַיֵים זַיין מִצְוַת הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

מִיט דֶעם אִיז אוֹיךְ פַארֶענְטְפֶערְט דִי קַשְׁיָא פַארְוָואס מְ'מַאכְט נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וֵוייל מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן קֵיין אֵיין מִינוּט אַזוֹי וִוי מְ'הָאט גֶעזֶעהְן אַז אַבְרָהָם אִיז גֶעלָאפְן אַקֶעגְן זֵיי אַפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען בֵּיי אִים.

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

### פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

## שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בַּיי זַיין טַייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| כְּחֹם הַיּוֹם | א | | אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ יֶעצְט גֶעפִינֶען |
| וַיִּשָּׂא עֵינָיו | ב | | אוּן אִיךְ וֶועל נֶעמֶען |
| נִצָּבִים | ג | | אוּן וַואשְׁט'ס עֶנְק |
| וַיָּרָץ | ד | | אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט |
| לִקְרָאתָם | ה | | אוּן לַאנְטְס עֶנְק אָן |
| וַיִּשְׁתַּחוּ | ו | | אוּן לַאנְטְס עֶנְק אָן |
| אִם נָא מָצָאתִי | ז | | אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן |
| חֵן | ח | | אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע אוֹיגְן |
| אַל נָא תַעֲבֹר | ט | | אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבִּיקְט |
| וְרַחֲצוּ | י | | אַקֶעגְן זֵיי |
| וְהִשָּׁעֲנוּ | יא | | וֶוען דִי טָאג אִיז גֶעוֶוען הֵייס |
| וְאֶקְחָה | יב | | זָאלְסְט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין |
| וְסַעֲדוּ | יג | | לִיבְּשַׁאפְט |
| וַיֹּאמְרוּ | יד | | קְנֶעט |
| לוּשִׁי | טו | | שְׁטֵייעֶן |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

## פרשת וַיֵּרָא

# שרייב אריין די אות פון די ווארט ביי זיין טייטש

| | | | |
|---|---|---|---|
| כְּחֹם הַיּוֹם | א | | אויב האב איך יעצט געטראכן |
| וַיִּשָּׂא עֵינָיו | ב | | און איך וועל נעמען |
| נִצָּבִים | ג | | און וואשט'ס ענק |
| וַיָּרָץ | ד | | און זיי האבן געזאגט |
| לִקְרָאתָם | ה | | און לאנטס ענק אונטער |
| וַיִּשְׁתַּחוּ | ו | | און לאנטס ענק אן |
| אִם נָא מָצָאתִי | ז | | און ער איז געלאפן |
| חֵן | ח | | און ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן |
| אַל נָא תַעֲבֹר | ט | | און ער האט זיך געביקט |
| וְרַחֲצוּ | י | | אקעגן זיי |
| וְהִשָּׁעֲנוּ | יא | | ווען די טאג איז געווען הייס |
| וְאֶקְחָה | יב | | בעט איך דיר גיי נישט אריבער |
| וְסַעֲדוּ | יג | | ליבשאפט |
| וַיֹּאמְרוּ | יד | | קנעט |
| לוּשִׁי | טו | | שטייען |

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# נֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער

## וַיִּתֵּן אֶל הַנַּעַר וֶוער אִיז דֶער נַעַר?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

## וֶוער הָאט גֶעלַאכְט וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר גֵייט הָאבְּן אַ קִינְד?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

## פַאר וֶועמֶען הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַארְצֵיילְט אַז עֶר גֵייט אִיבֶּער דְרֵייעֶן דִי שְׁטָאט סְדוֹם?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

## וֶועלְכֶע מַלְאָךְ הָאט מַצִיל גֶעוֶוען לוֹט פוּן סְדוֹם?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

## וֶועמֶענְס פְרוֹי אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ וֶוען זִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

# נֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער

## וֶוער הָאט גֶעוָואלְט צוּנֶעמֶען שָׂרָה?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

## וֶוער אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן פֶּסַח?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

## וֶוער אִיז מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

## וֶוער הָאט גֶעזֶעהְן פוּן דֶערְוַוייטְנְס דִי וָואלְקְן אוֹיף דִי בַּארְג?

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

## וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּיו - זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם, וֶוער? (2)

אַבְרָהָם שָׂרָה יִצְחָק לוֹט רְפָאֵל יִשְׁמָעֵאל אֱלִיעֶזֶר אֲבִימֶלֶךְ

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

## מַאךְ אַ סִימָן ✓ בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע קֶעסְטְל

| ⇩ שְׁאֵלוֹת ⇩ | 2 | 3 | 4 | 8 | 90 | 100 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| וָועלְכֶע טָאג נָאכ'ן זִיךְ מַלֶ'ן אִיז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן אַבְרָהָם אָבִינוּ? | | | | | | |
| וִויפִיל מַלְאָכִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ? | | | | | | |
| וִויפִיל טִיהְרֶן הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעהַאט בַּיי זַיין גֶעצֶעהְלְט? | | | | | | |
| וִויפִיל רִינְדֶער הָאט אַבְרָהָם גֶענוּמֶען פַאר דִי מַלְאָכִים? | | | | | | |
| וִויפִיל שְׁלִיחוּת הָאט דֶער מַלְאָךְ רְפָאֵל גֶעמַאכְט? | | | | | | |
| וִויפִיל יָאר אִיז אַלְט גֶעוֶוען אַבְרָהָם וֶוען יִצְחָק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן? | | | | | | |
| וִויפִיל יָאר אִיז אַלְט גֶעוֶוען שָׂרָה וֶוען יִצְחָק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן? | | | | | | |
| דִי וִויפִילְסְטֶע טָאג הָאט אַבְרָהָם גֶעמַלְ'ט זַיין זוּהְן יִצְחָק? | | | | | | |

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבוֹת בַּיי זֵייעֶרֶע שַׁאֲלוֹת

| | | |
|---|---|---|
| וַוייל אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק? | אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֵייס | פ |
| וַוייל מַמְרֵא הָאט גֶעגֶעבְּן אַ עֵצָה פַאר אַבְרָהָם אַז עֶר זָאל זִיךְ מַל'ן? | אִיז אִים דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעקוּמֶען מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין | י |
| וַוייל אַבְרָהָם הָאט לִיבּ גֶעהַאט צוּ טוּהְן מִצְוַת הַכְנָסַת אוֹרְחִים? | הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעשִׁיקְט מַלְאָכִים | ת |
| וַוייל דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז אַבְרָהָם זָאל זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין מִיט גֶעסְט? | הָאט זִיךְ דֶער אֵייבִּישְׁטֶער בַּאוִויזְן בַּיי זַיין הֵלֶק | ש |
| וַוייל אַבְרָהָם הָאט זִיךְ מִצְטַעֵר גֶעוֶוען אַז עֶס קוּמֶען נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשְׁן? | הָאט עֶר אִים גֶעהֵייסְן טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי גֶעסְט | ה |
| וַוייל אַבְרָהָם הָאט גֶעמֵיינְט אַז דִי גֶעסְט זֶענֶען אַרַאבֶּער'ס? | הָאט עֶר גֶעהַאט בַּיי זַיין גֶעצֶעלְט פִיר טִיהְרְן | ב |
| וַוייל אַבְרָהָם הָאט גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין יִשְׁמָעֵאל צוּ מַאכְן מִצְוֹת? | הָאט עֶר גֶע'שָׁחְט'ן דְרַיי אָקְסְן | א |
| וַוייל אַבְרָהָם הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַאר יֶעדְן מַלְאָךְ אַ צִינְג? | הָאט עֶר זֵיי גֶעהֵייסְן וַואשְׁן דִי פוּס | ח |
| וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן פוּן סְדוֹם זֶענֶען שְׁלֶעכְט? | הָאט שָׂרָה נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיי זֵייעֶר שְׁטוּבּ | ל |
| וַוייל יִשְׁמָעֵאל הָאט גֶעטוּהְן עֲבֵירוֹת? | שִׁיקְט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אַ מַלְאָךְ עֶר זָאל אִיבֶּער דְרֵייעֶן דִי שְׁטָאט | ה |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַווּאוּ אִיז אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעזֶעצְן וֶוען דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט זִיךְ צוּ אִים בַּאוִויזְן

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק


בס״ד

# קֶעסְטְל רֶעטֶענִיש

**פַאנְג אָן צוּ גֵיין פוּן דִי אוֹת י' וָואס אִיז בֵּיי דִי זֵייט פוּן דִי קֶעסְטְל**

אוּן טְרֶעף אוֹיס דִי וֶוערְטֶער:

## יִקַּח נָא מְעַט מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ:

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| יַ | קַ | | | | ט | מַ |
| ל | ח | נָ | א | מְ | עַ | יִ |
| תַּ | וּ | נ | עֲ | שָׁ | וּ | ם |
| חַ | שׁ | י | וְ | הִ | וַ | וְ |
| ת | ץ | עֵ | ם | שׂ | י | רַ |
| הָ | עֵ | י | כֶ | עֶ | צ | חֲ |
| ג | וֹ | לֵ | גְ | רַ | וּ | ת |

**וֶוען מְ'עֶנְדִיגְט דַארְף מֶען צוּזַאם נֶעמֶען דִי אִיבֶּערִיגֶע אוֹתִיוֹת אוּן עֶס אַרֵיין לֵייגְן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וָואס הָאט אַבְרָהָם גֶעהֵייסְן מַאכְן פַאר שָׂרָה מִיט דִי שְׁלֹשׁ סְאִים קֶמַח סֹלֶת**

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


בס"ד

# קֶעסְטְל רֶעטֶענִיש

**טַייעֶרע יוּנְגל, עֶס אִיז דָא צוּשְׁפְּרֵייט אוֹתִיּוֹת, טְרֶעף אוֹיס דִי וֶוערְטֶער:**

- [x] וַיֵרָא
- [ ] אַבְרָהָם
- [ ] שָׂרָה
- [ ] מַלְאָכִים
- [ ] יִצְחָק
- [ ] רְפָאֵל
- [ ] מַמְרֵא
- [ ] סְדֹם
- [ ] לוֹט
- [ ] אֹהֶל

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| וַ | אַ | בְ | רָ | הָ | מ | ד | י |
| מַ | יֵ | קָ | א | ק | חָ | צְ | יִ |
| לְ | מִ | רָ | סְ | ל | מִ | י | רְ |
| אָ | טֶ | דֹ | א | ע | וֹ | פ | פָּ |
| כִ | מ | וּ | ן | דִ | ה | ט | אֵ |
| י | י | אֹ | הֶ | ל | רָ | חֵ | ל |
| מ | מַ | מְ | רֵ | א | שָׂ | דֶ | ר |

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# וֶוער זָאגְט אוּן פַאר וֶועמֶען זָאגְט מֶען

## נֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע קֶעסְטְל

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אַל נָא תַעֲבֹר מֵעַל עַבְדֶךָ ? | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר אַבְרָהָם | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים | אַבְרָהָם פַאר שָׂרָה | דִי מַלְאָכִים פַאר אַבְרָהָם |
| כֵּן תַעֲשֶׂה כַּאֲשֶׁר דִבַּרְתָּ ? | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר אַבְרָהָם | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים | אַבְרָהָם פַאר שָׂרָה | דִי מַלְאָכִים פַאר אַבְרָהָם |
| מַהֲרִי שְׁלֹשׁ סְאִים קֶמַח סֹלֶת? | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר אַבְרָהָם | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים | אַבְרָהָם פַאר שָׂרָה | דִי מַלְאָכִים פַאר אַבְרָהָם |
| אַיֵּה שָׂרָה ? | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר אַבְרָהָם | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים | אַבְרָהָם פַאר שָׂרָה | דִי מַלְאָכִים פַאר אַבְרָהָם |
| הִנֵּה בָאֹהֶל ? | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר אַבְרָהָם | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים | אַבְרָהָם פַאר שָׂרָה | דִי מַלְאָכִים פַאר אַבְרָהָם |
| שׁוֹב אָשׁוּב אֵלֶיךָ ? | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר אַבְרָהָם | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים | אַבְרָהָם פַאר שָׂרָה | דִי מַלְאָכִים פַאר אַבְרָהָם |
| לָמָּה זֶּה צָחֲקָה שָׂרָה ? | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר אַבְרָהָם | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים | אַבְרָהָם פַאר שָׂרָה | דִי מַלְאָכִים פַאר אַבְרָהָם |
| אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֵייט אִיבֶּער דְרֵייעֶן סְדוֹם? | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר אַבְרָהָם | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים | אַבְרָהָם פַאר שָׂרָה | דִי מַלְאָכִים פַאר אַבְרָהָם |

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

מַאךְ אַ סִימָן בֵּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

אַוואוּ הָאט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאוִויזְן צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ ?

◇ אִין סְדוֹם

◇ אִין אֵלֹנֵי מַמְרֵא

◇ אִין חָרָן

וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא, וָואס אִיז טַייטְשׁ וַיַּרְא ?

◇ עֶר הָאט פַאַרְשְׁטַאנֶען

◇ עֶר הָאט גֶעזֶעהְן

◇ עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט

נִצָּבִים עָלָיו וַיַּרְא, וָואס אִיז טַייטְשׁ וַיַּרְא?

◇ עֶר הָאט פַאַרְשְׁטַאנֶען

◇ עֶר הָאט גֶעזֶעהְן

◇ עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט

פַאר וֶועלְכֶע מַלְאָךְ הָאט אַבְרָהָם גֶעזָאגְט אַל נָא תַעֲבוֹר מֵעַל עַבְדֶךָ ?

◇ פַאר דִי גְרֶעסְטֶע

◇ פַאר דִי קְלֶענְסְטֶע

◇ פַאר אַלֶע

אַוואוּ הָאט אַבְרָהָם גֶעזֶעצְט דִי מַלְאָכִים ?

◇ אוּנְטֶער סְכַךְ

◇ אוּנְטֶער אַ בּוֹים

◇ אִין גֶעצֶעלְט

אַחַר תַּעֲבֹרוּ, נָאכְדֶעם וֶועט עֶטְץ קֶענֶען וַוייטֶער גֵיין, נָאךְ וָואס?

◇ נָאכְן וַואשְׁן דִי פוּס

◇ נָאכְן פַארְצֵיילְן אַז אַבְרָהָם גֵייט הָאבְּן אַ קִינְד

◇ נָאכְן עֶסְן

וָואס הָאט אַבְרָהָם גֶעמַאכְט וֶוען דִי מַלְאָכִים הָאבְּן גֶעגֶעסְן?

◇ עֶר הָאט מִיט גֶעגֶעסְן

◇ עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט

◇ עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען הֶעכֶער זֵיי

וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דִי בַּארְג פוּן דִי עֲקֵידָה?

◇ אַ וָואלְקְן

◇ אַ הֶערְשׁ

◇ אַ מֶעסֶער

בס"ד